ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## כ"ו אלול תשס"ה

טייערע קינדער שלוחים שי'

אמאל איז געווען א קעניג וואס האט געהאט איין זון. ער האט אים זייער געגליכן, און צוליב זיין גרויס ליבשאפט, האט ער געמאנט פון אים אסאך. ווען דער קינד האט אמאל געטאן עפעס ניט גוט, האט אים דער קעניג אוועקגעשיקט פון פאלאץ. ער איז געשיקט געווארן צו א לאנד ווייט פון זיין טאטן.

אין יענע לאנד האבן מענטשן געלעבט אין געצעלטן. האט דער פרינץ געבעטן פון איינער אים העלפן בויען א געצעלט, אבער קיינער האט אים ניט געוואלט העלפן. מיט שוועריקייטן, האט דער פרינץ אליין געבויט זיין שטוב. אבער עס איז ניט געווען אזא שטארקע געצעלט, און אין ווינטער איז געווען קאלט פאר אים, און אין זומער איז אים געווען הייס. מיט דעם האט דער פרינץ געלעבט דריי לאנגע יארן, און ער האט פון לאנג פארגעסן אויף זיין פריערדיקע לעבן.

איין טאג האט מען געהערט קולות, "דער קעניג קומט אין שטאט, און אלע קענען בעטן וואס זיי ווילן פון אים און ער וועט זיי אלץ געבן."

ווען דער פרינץ האט דאס געהערט האט ער גלייך געשריבן א בריוו צום קעניג "מיין האר, מיין קעניג, ביטע גיב מיר א שטארקערע געצעלט."

ווען דער קעניג איז געקומען האט ער אלעמען אנגענומען מיט א שמייכל, און ער האט גענומען אלע בריוון. ווען ער האט זיי דורכגעליינט, האט ער געזוכט דעם בריוו פון זיין זון. ווען ער האט געזען א בריוו געשריבן מיט די האנטשריפט פון זיין זון האט ער דאס מיט גרויס פרייד גלייך געעפענט. ווען ער האט געליינט אז זיין זון בעט פאר א בעסערע געצעלט, האט ער אנגעהויבן וויינען. "אוי, ווי ווייט איז מיין זון געפארן פון מיר! פארוואס האט ער געבעטן אויף א בעסערע געצעלט?? ער האט געקענט בעטן קומען צוריק אין פאלאץ!"

קינדער, דער אויבערשטער איז אונזער מלך, און מיר זיינען זיינע קינדער: ווייט אין גלות. יעצט דורך אלול און אויף ראש השנה איז דער אויבערשטער אזוי נאנט צו אונז, און ער הערט זיך צו צו אונזערע געבעט. לאמיר ניט פארגעסן אויף דער עיקר, נאר בעטן ביים אויבערשטן "טאטע נעם אונז אהיים!! מיר ווילן ניט א בעסערע לעבן אין גלות, מיר ווילן שוין צוריקומען צו דיר. מיר ווילן שוין זיין אין ירושלים מיט אונזער רבי!"

און טאקע וועט דער אויבערשטער אונז געבן אונזער געבעט און שיקן משיח נאו מיד ממש!

כתיבה וחתימה טובה!

איידלה וועכטער

## פרשת נצבים



### לעבן מיט דער צייט

### פרשת נצבים

**אתם נצבים היום - קודם ראש השנה**

פרשת נצבים, וועלכע מען לייענט אלעמאל פאר ראש השנה, הויבט זיך אן: "אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלקיכם" - "איר שטייט אלע היינט פאר ג–ט אייער ג–ט". דער אלטער רבי זאגט אז אין דעם פסוק איז דא א רמז אויף ראש השנה: "היום" - היינט - מיינט דעם טאג פון ראש השנה, ווען אלע אידן שטייען פעסט פארן אויבערשטן.

עס שטייט: "ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל", דאס מיינט: "ישורון" גייט אויף אידן, וואס דער אויבערשטער איז זייער "מלך". זאגט דער פסוק, אז ווי אזוי ווערט דער אויבערשטער געקרוינט אלס מלך ביי אידן? - "בהתאסף", דורך דעם וואס אלע אידן קלייבן זיך צוזאמען און פאראייניקן זיך.

דוקא ווען אלע אידן קומען זיך צוזאמען, "יחד שבטי ישראל", און שטייען פעסט פארן אויבערשטן, דורך מאכן א פעסטן באשלוס צו מקיים זיין דעם אויבערשנ'ס מצוות - דאס ברענגט דערצו אז דער אויבערשטער ווערט דער "מלך" פון אידן, "ויהי בישורון מלך", און גיט יעדער איד און אלע אידן א כתיבה וחתימה טובה

מען באקומט גלייך, אפגע'חתמ'עט, אלע ברכות וואס דער אויבערשטער ווינטשט און בענטשט יעדער אידן.

*(פון דער רבי'ס רעדט צו קינדער – שיחת ה' תשרי תשמ"ה)*



# דערציילן מיר א מעשה

## פון דער מאמר באתי לגני

דער צמח צדק איז אלעמאל געווען זייער נאנט מיט זיין זיידן -דעם אלטן רבי'ן. ווען זיין מאמע רביצין דבורה לאה איז אוועק, האט ער געלעבט מיט זיין זיידע.

אפילו נאך דעם וואס דער אלטער רבי איז אוועק, האט דער צמח צדק אים פיל מאל געזען. די פאלגנדע מעשה איז געשען נאך א לאנגע צייט וואס דער צמח צדק האט ניט געזען דעם אלטן רבי'ן.

איין טאג, פארן דאווענען, איז א איד געקומען צום צמח צדק און האט אים געבעטן א הלוואה פון געלט. דער צמח צדק איז געווען גרייט צו דאווענען און ער האט געזאגט פאר דער איד אז ער וועט אים שפעטער געבן די געלט.

נאך דעם וואס דער איד איז אוועקגעגאנגען, האט דער צמח צדק נאכאמאל דורכגעטראכט וואס איז געשען. דער איד האט מסתמא געדארפט די געלט אויף צו פארן אין מארק. אויב ער וועט ניט האבן די געלט גלייך צופרי וועט ער פארלירן אסאך ביזנעס.

איז דער צמח צדק געלאפן געפינען דעם איד. ווען ער האט אים געפונען, האט ער אים גלייך געגעבן דעם געלט, און ער איז צוריקגעגאנגען דאווענען.

דער צמח צדק איז געגאנגען וואשן זיינע הענט פארן דאווענען, און פלוצלונג האט ער באקומען וואס זיין הארץ האט אזוי געגלוסטן – ער האט געזען דעם אלטן רבי'ן!!

*ס'איז ניטא אין וועלט א הייליקער זכות ווי דעם זכות פון העלפן נאך א איד!*



## משיח נאו!

ראש השנה זיינען מיר מקבל דער איבערשטער אויף אונז אלס אונזער קעניג. דאס איז נאר אן אנהויב. ביים גאולה וועט די גאנצער וועלט אנערקענען אז דער איבערשטער איז קעניג. ווי עס שטייט "והי' ה' למלך על כל הארץ" - דער איבערשטער וועט יעמאלט זיין דער קעניג אויף די גאנצע וועלט.

זיכער איז דער איבערשטער אויך יעצט קעניג אויפן גאנצן וועלט, אבער יעמאלט, בזמן הגאולה, וועט די גאנצער וועלט דאס אנערקענען. זאל עס שוין זיין יעצט!

# דעם חסידישן לוח

## כ"ט אלול



### יום הולדת פון דער צמח צדק

דער צמח צדק איז געבארן געווארן ערב ראש השנה תקמ"ט. זיין טאטע איז געווען הרב ר' שלום שכנא און זיין מאמע איז געווען רביצן דבורה לאה, די צוויטע טאכטער פון דעם אלטן רבי'ן. מען האט אים געגעבן א נאמען "מנחם מענדל" אויף הרב הקדוש ר' מנחם מענדל הארדאקער, וואס ער איז אוועק ארום א יאר און א האלב פריער.

ביי זיין געבורט האט דער אלטער רבי געגעבן א שטיקל מאטיריאל צו איינוויקלן דעם קינד - דאס זעלבע וואס ער האט גענוצט פאר זיין אייגן זון - דער מיטעלער רבי.

ביי זיין שלום זכר איז דער אלטער רבי געווען אויסערגעוויינלאך צופרידן.

דער צמח צדק האט שפעטער חתונה געהאט מיט זיין קוזינע - דעם מיטעלן רבי'נס טאכטער – רביצין חי' מושקא. און שפעטער איז ער געווארן דעם דריטן ליובאוויטשער רבי.

דער צמח צדק איז באוואוסט געווארן אויף זיין אויסערגעוויינליכער אהבת ישראל און זיין לערנען פון נגלה דתורה און חסדות צוזאמען.

## שבת מברכים חודש תשרי

ב"ה




## ראש השנה

ראש השנה - א נייען אנהויב. א נייער יאר קומט פאר אונז מיט נייע כוחות און נייע ברכות. בעיקר האפן מיר אז דעם יאר זאלן מיר האבן די גרעסטע ברכה - די גאולה האמיתית והשלימה -און מיר וועלן זיך זען מיט אונזער רבי'ן.

אין די פאלגענדע שורות וועט איר לייענען די זאכן וואס זיינען געווען - און וועלן אי"ה זיין - ביים רבי'ן ראש השנה.

פאר ראש השנה האט דער רבי יעדער יאר געשריבן צוויי מכתבים כללים "אל בני ובנות ישראל בכל מקום שהם" - צו אלע אידן איבעראל.

אין די טעג פאר ראש השנה האט דער רבי אנגענומען פ"נים פון חסידים. גלייך פאר ראש השנה פלעגט דער רבי ברענגען די בריוון צום אהל פון דער פריערדיקער רבי.

דער רבי האט געבלאזן שופר אין 770 . אין די צייט פון תקיעת שופר האט דער רבי געהאט די פ"נים וואס ער האט באקומען פאר יום טוב אויף זיין בימה.

אויפן צווייטן טאג ראש השנה האט דער רבי געמאכט א פארברענגען וואס האט זיך געצויגן ביז נאך יום טוב. ביים פארברענגען האט דער רבי דערמאנט די נעמען פון אלע רביים, אנהויבנדיק פון דער בעל שם טוב. דער רבי האט אויך געזונגען א ניגון פון יעדער פון די רביים.

נאך בענטשן און הבדלה האט דער רבי געטיילט כוס של ברכה. פיל ברכות און אפענע נסים זיינען געקומען פון כוס של ברכה.

קינדער, אויך יעצט זאלן מיר פאר ראש השנה אריינשרייבן א פ"ן צום רבי'ן. אויך דעם יאר וועט דער רבי דאס זיכער לייענען און ער וועט זיכער געבן זיינע ברכות. מיר בעטן נאר אז דעם יאר זאלן מיר דאס זען מיט אונזערע אויגן און הערן מיט אונזערע אויערן דעם רבינ'ס הייליקע ווערטער!

### פון דעם רבי'נס הייליקע ווערטער

**ראש השנה דארף מען אנעמען אויף זיך א נייער הידור מצוה**

דער רבי דער שווער - דער פריערדיקער רבי - האט געזאגט, אז יעדער ראש השנה דארף מען עפעס מוסיף זיין בהידור מצוות עשה, בזהירת - זיין פארזיכטיק - פון א מצוות לא תעשה, און אין א הנהגה טובה.

*(לקוטי שיחות חלק ב')*

### "בואו נשתחוה"

ראש השנה איז דער טאג ווען אדם הראשון איז באשאפן געווארן. דער מדרש דערציילט אז אין דעם טאג פון זיין באשאף האט אדם הראשון צונויפגעקליבן אלע באשעפענישן פון דער וועלט און זיי געזאגט **"בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושנו"** - "קום לאמיר זיך בוקן און קניען פאר דעם אויבערשטן, אונזער באשעפער!"

אדם הראשון האט ניט בלויז אנערקענט דעם אויבערשטן אלס **"מלך העולם"**, נאר ער האט זיך אויך פארנומען צו אויפטאן די אנערקענונג ביי אלע באשעפענישן אין דער גאנצער וועלט.

דערפון לערנען מיר, אז די ספעציעלע שליחות פון די וועלכע האבן זוכה געווען צו זיין אין "צבאות השם", דעם אויבערשטנ'ס ארמיי, איז ניט בלויז צו קעמפן און מנצח זיין דעם אייגענעם יצר, נאר מיר דארפן טאן אלץ וואס איז נאר מעגלעך אז אלע באשעפענישן פון דער וועלט זאלן אנערקענען אז **"בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ"** - דער אויבערשטער איז דער באשעפער פון אלע טיילן פון וועלט, סיי אויבן און סיי אונטן!

*(משיחת ח' תשרי תשמ"ז)*

### די קרוינונג פון מלך מלכי המלכים הקב"ה

ראש השנה איז דער טאג ווען אידן קרוינען דעם אויבערשטן, מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, אלס "מלך ישראל" - דער קעניג, קיסר, פון אלע אידן, אפילו פון גאר קליינע קינדער.

ווי די גמרא זאגט, אז דער אויבערשטער בעט זיך ביי אידן **"תמליכוני עליכם"** - מאכט מיר פאר א קעניג איבער אייך! און אידן זיינען דאס מקיים מיט זייערע בקשות אין דאווענען, און זיי רופן אויס אז זיי קרוינען דעם אויבערשטן אלס מלך.

דער אמת איז דאך אז יעדער טאג באלד אינדערפרי, נאך איידער מיר וואשן זיך נעגל וואסער, קרוינען מיר דעם אויבערשטן אלס מלך, ווען מיר זאגן **"מודה אני לפניך מלך חי וקיים"**.

אבער דאס קרוינען דעם אויבערשטן אלס מלך אין דעם טאג פון ראש השנה, ווען דאס ווערט געטאן דורך אלעמען צוזאמען אין שול מיטן גאנצן שטורעם, צוזאמען מיט בלאזן שופר, גיט עס אריין א שטארקייט אין א אידן, אז במשך דעם גאנצן יאר זאל ער אננעמען דעם אויבערשטן אלס מלך אויף א ליכטיקן אופן, וואס דעמאלט ווערט יעדער טאג פון יאר נאך מער געזינטער, לעבעדיקער, אידישער און ליכטיקער.

*(משיחת ה' תשרי תשד"מ)*

פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים'ס אופיס פאר ג' תשרי, און דו קענסט
געווינען א פרייז! (718-221-0985)

# שאלות—פרשת נצבים

א. ווער זיינען געווען די עלטערן פון דעם צמח צדק? ______________ און ______________

ב. ווער איז געווען זיין הייליקע ווייב? ______________

ג. וואו האט ער געלעבט? ______________

ד. ווער איז געווען זיין רביצין? ______________

ה. וואס האט דער צמח צדק געטאן וואס האט אים געגעבן דעם זכות זען דעם אלטן רבי'ן? ______________

ו. וואס איז דער עיקר מצוה וואס אידן דארפן טאן צו באקומען דעם אויבערשטנ'ס ברכות פאר ראש השנה? ______________

______________

ז. וואס דארפן מיר לערנען פון דעם וואס אדם הראשון האט אנגעזאגט אלע באשעפענישן בוקן זיך פאר אויבערשטן? ______________

______________

ח. וואס האט דער רבי' געטאן מיט די פ"נים וואס אלע האבן געברענגט? ______________

______________

ט. וואס האט דער רבי' געטאן ביים סוף פון ראש השנה? ______________

______________

י. וואס איז דיין החלטה פאר ראש השנה? ______________

______________

## די געווינער פון פרשת כי תבא: לייבל שמוטקין

נאמען: ______________ ווי אלט: ______

אדרעס: ______________

אי-מייעל: ______________

**הצלחה רבה!**